# צעירי השלוחים

"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"

A project of the Shluchim Office


בס"ד

טייערע קינדער שלוחים!

ווען איר באקומט דער צייטונג' אסאך פון אייך זיינען שוין מסתמא אויפ'ן וועג צו קראון הייטס פאר דעם כינוס!! דאס איז א גוטע צייט פאר דיר צו זעהן אז די ביסט נישט אליין. די קענסט באמערקן' אז עס זיינען פאראן אזוי פיל אנדערע שלוחים איבער די גאנצע וועלט פונקט אזוי ווי דיר!! איר וועט אי"ה מיטנעמען די כחות פון דעם כינוס אויף דעם גאנצן יאר צו באלייכטן דיין קליינע ווינקל און ברענגען שוין דעם אור הגאולה!

מיר קענען נישטווארטן אייך צו זעהן!!

## לעבן מיט דער צייט

### ר"ח כסלו

"דער רבי איז געזונט"
דאס זיינען געווען די רייד
מיט וואס די גאנזן האבן געטאנצט
און אלע חסידים זיך געפרייט.

אויף דער ספעציעלן טאג
זינג א ניגון, מאך א קולע
ווייל נאר דורך אונזער שמחה
ברענגען מיר די גאולה!!

קינדער, דעם קומענדיגע זונטאג איז ר"ח כסלו. ר"ח כסלו תשל"ח איז דער טאג וואס אונזער רבי איז געזונט געווארן פון זיין הארץ אטאק. ר"ח כסלו איז א גרויסער יום טוב פאר אונז חסידים. נאך תשל"ח, האבן מיר זוכה געווען צו זעהן און הערן דעם רבי'ן בגשמיות נאך 18 יאר!!

מירווארטן יעצט צו זעהן און הערן דעם רבי שוין נאכאמאל מיט די התגלותפון משיח נאו!!

## א הוראה פון די פרשה

### פרשת תולדות

עס שטייט אין די וואך'ס פרשה ווענגן די קינדער פון יצחק, "הקול קול יעקב והידים ידי עשו" -דער קול איז דער קול פון יעקב, און די הענט זיינען די הענט פון עשו. עס ווערט ערקלערט אין מדרשים אז בשעת עס איז פאראן דעם "הקול קול יעקב"- מען הערט די שטימען פון אידישע קינדער וואס לערנען תורה אין די בתי כנסיות און בתי מדרשות מאכט דאס צונישט די "ידים ידי עשו", די הענט פון עשו וואס וויל שלעכטס טוהן אידן, און אויף זיי געוועלטיקן.

אונזערע חכמים דערציילן, אז אין דער צייט פון חורבן האבן די אידישע קינדער געזאגט, "אויב אונזערע שונאים וועלן קומען אויף אונז וועלן מיר ארויסגיין אויף זיי מיט אונזערע מכתבין, (די טייטלן וואס זיי נוצען אויף צו אנווייזן דעם ארט וואו זיי האלטען אין דעם ספר וואס זיי לערנען) און שטעכן די שונאים."

אידישע קינדער זיינען געווען זיכער אז דער זכות פון זייער תורה לערנען איז אזוי גרויס, אז האלטנדיק אט די טייטלן מיט וועלכע זיי נוצן ביים לערנען' וועלן זיי זיכער בייקומען די שונאים פון אידן.

נאך עפעס: די טייטלן וואס ווייזן אויפ'ן ארט וואס מען לערנט, ווערן גענוצט נאר פון קליינע קינדערלאך. עלטערע קינדער נאך בר מצוה דארפן נישט אנקומען צו אזעלכע טייטלן.

איז במילא פארשטאנדיק, אז די אויבענדערמאנטע רייד, זיינען געווען פון קליינע אידישע קינדערלאך, און טראץ דעם איז אפילו זייער "קול קול יעקב" וואלט בייגעקומען די שונאים פון אידן.

און דאס איז די אפלערנונג פאר אונז: אידישע קינדער דארפן וויסן' אז דורך זייער "הקול קול יעקב"- לערנען און דאווענען, האבן זיי דעם כח צו מבטל זיין דעם גלות און ברענגען די גאולה האמיתית והשלימה דורך משיח צדקנו!

ג' מנחם אב תשמ"א



# דערצייל מיר א מעשה

כסלו -א חסידישע חודש

## ראש חודש כסלו

☐ איך האב געזאגט יעלה ויבא אין שמונה עשרה און אין מיטן בענטשינג

☐ איך האב געזאגט הלל נאך שמונה עשרה

☐ איך האב געדאווענט מוסף

☐ איך האב געזאגט "ברכי נפשי" אויף עמוד 97 נאך "שיר של יום"



## א רויז צווישן דערנער

א מלך האט אמאל פארפלאנצט א פרוכט-גארטן. שורות פון יונגע פרוכט ביימער האט ער פארפלאנצט. א שורה פון פייגן, א שורה פון וויינטרויבן, פון עפל, און נאך מער.

דער מלך האט געגומען א שר וואס זאל היטן דעם גארטן. א ווייל שפעטער איז דער מלך געקומען זעהן ווי אזוי דער גארטן איז פארוואקסן און בליט. ערשט האט ער דערזעהן אז דער גארטן איז פארוואקסן מיט דערנער און שטעכעדיקע גראזן. האט דער קעניג געוואלט דעם גארטן אפרייניקן, און אפשניידן אלס וואס איז אין אים געוואקסן.

אבער, פונקט אין דער דערזען מאמענט' האט ער געזעהן צווישן די דערנער א בליענדע רויז וואס איז געווען הערליך שיין און האט ארויסגעגעבן א געשמאקן ריח. האט דער מלך געזאגט" סאיז כדאי געווען דער גאנצע גארטן צוליב אט דער הערליכן רויז, זאל דער גארטן בלייבן גאנץ!"

קינדער דאס איז א משל . אזוי איז געווען מיט דער גאצער וועלט. דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט צוליב די תורה, אבער די מעטשן זיינען געוואקסן ווי דערנער און האבן זיך געפירט שלעכט. האט דער אויבערשטער געוואלט פארדארבן די וועלט. דאן האט ער געקוקט אויף דער אידשער פאלק, ארויסגיינדיג פון מצרים' און קומענדיג צו הר סיני. ער האט געהערט ווי זיי שרייען "נעשה ונשמע" מיט וועלכע זיי האבן אויפגענומען די תורה' צו פארשפרייטן איר ליכטיקייט אויף דער גאנצער וועלט. האט ג-ט ב"ה געזאגט "צוליב אט דעם הערליכער רויז וועט די גאנצע וועלט בלייבן גאנץ"!!

*(מדרש רבה' שיר השירים)*

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x105 ~ cyh@shluchim.org